בס"ד

לכבוד הרבנים הגאונים שליט"א.

אזוי ווי געוויסע אנשי בליעל האבן לעצטענס פארשפרייט א העסליכער בלבול אויף מיר, ווי גלייך איך זאל האבען געמסר'ט הוד כ"ק מרן רבינו מטאהש שליט"א, און איך האב צוריקגעהערט מאחורי הפרגוד אז זיי לויפן יעצט ארום צו רבנים נעמען חתימות מיך אפצופסק'נען אלטס מסור ומלשין.
דערפאר פיל איך פאר וויכטיג דא מודיע צו זיין אז די מעשה איז שקר, און א געמיינער בלבול.

איך מצידי בין איך גרייט אדורכצושמועסן די זאך מיט יעדער ערענסטער גייטראלער רב וואס איז גרייט זיך אריינצולייגן אינדעם ארויסצוהאבן די גאנצע פרשה מתחלה ועד סוף, ווי עס וועט קענען קלאר איבערצייגט ווערן די פאלטשקייט פון דעם בלבול.

און איך בין זיכער אז א יעדער רב וואס האט אין זיך אביסל ערענסטקייט וועט נישט גיין דן זיין דיני נפשות פון א גאנצע משפחה אויף דורי דורות, כל זמן ער האט זיך נישט אריינגעלייגט אין די זאך, און אויסגעהערט צוויי צדדים, און מברר געווען די זאך מיט א קלארקייט לאמיתה של תורה, אזוי ווי עס פעלט אויס עפ"י תורה.
הגם: עס איז נישט דא די פלאץ אריינצוגיין אין פרטי הדברים, פונדעסטוועגען פיל איך פאר וויכטיג ארויסצוברענגען דא עטליכע נקודות.

זיי לויפן ארום מיט א פאלטשער בריוו פון זייער באצאלטער לויער ווי ער שרייבט וואס ער האט געהערט פון די פאליציי, און ער שרייבט דארט א לשון וואס דאס דארף מיינען אז איך האב אריינגעגעבן א קרימינאלע קלאגע אקעגן כ"ק מרן רבינו שליט"א. סתם המון עם און אפילו רבנים וואס זענען נישט באקאנט מיטן יורידישען סיסטעם ווערן שטארק נתפעל דערפון, וואס הייסט, א בריוו פון א לויער, דאס איז דאך א קראנטע זאך, אומן לא מרע אומנתו, א לויער גייט נישט שרייבן קיין ליגענט, ווייל אויב יא קען מען דאך איהם אנקלאגן דערויף, דאס איז דער יסוד אויף וואס דער בלבול איז באזירט.

וויל איך נאר קלאר מאכן: אז דער בריוו איז פאלטש און ליגענט, אזוי ווי מיין לויער שרייבט שוין אין זיין בריוו, אז די אינפארמאציע פון זייער לויער איז פארפירעריש און פאלש, וואס פארשטייט זיך אז דעם בריוו פון מיין לויער ווייזען זיי נישט פאר די רבנים, ווייל זיי ווילן דאך נישט מען זאל זעהן אז די בריוו פון זייער לויער האט א הכחשה.
איי ווערט דאך שווער די קשיא, ווי קען דאס זיין א לויער זאל זאגן ליגענט מען וועט דאך איהם אנקלאגן. איז ערשטענס איז דאך די זעלבע קשיא שווער אויף מיין לויער, איינער זאגט דאך דא ליגענט, איז דאך איינער לכאורה ארויס פון דעם כלל אומן לא מרע אומנתו, אויב אזוי ווער זאגט אז זייער לויער זאגט ריכטיג, קען דאך

זיין מיין לויער זאגט ריכטיג, אונטערשטע שורה רעדט מען דא פון צוויי באצאלטע לויערס, איינס אקעגען איינס.

נאר דער אמת איז אז די קשיא איז בכלל נישט קיין קשיא, ווייל זייער לויער האט זיך באווארענט מיט דעם וואס ער האט געשריבן דעם בריוו פאר הרב אלימלך לאווי שליט״א קאנפידענשאל, דאס מיינט אז דער בריוו איז לא ניתן לפרסם, ממילא לויט דעם געזעץ איז ער נישט אחראי אויב שטייט ליגענט אין דעם בריוו, ווייל ער האט דאך נאר געשריבן א פריוואטע בריוו פאר זיינם א נאנטער מענטש.

דעם איינציגסטען וועם מען קען יא פארהאלטן אויף מפרסם זיין דעם בריוו וואס איז שקר און פאלטש, איז הרב אלימלך לאווי שליט״א, און דאס ווייסט ער דאך אז איך וועל איהם גארנישט טוהן ווייל איך בין דאך נישט קיין מסור, דערפאר פילן זיי זיך רואיג צו גיין פארשפרייטן דעם פאלטשען בריוו. דער לויער איז רואיג ווייל ער האט דאך עס געשריבן קאנפידענשאל וואס לויט דעם געזעץ קען מען אויף איהם נישט האבן קיין טענות. וויטער הרב אלימלך לאווי שליט״א וסייעתו זענען רואיג ווייל זיי קענען מיך גוט אין זיי ווייסן אז איך גיי זיי נישט קלאגן אין געריכט דערויף, איז דאך אלעס פיין און וואויל.

א ראיה צו מיינע ווערטער, ווייל אויב נישט, אפשר קענען זיי מסביר זיין פארוואס האט דער לויער מדגיש געווען אין דעם בריוו אז דאס איז קאנפידענשאל, פארוואס האט ער נישט געשריבן אזוי ווי עס איז נארמאל צו שרייבן אז דאס איז א אפענער בריוו פאר יעדען וואס עס איז איהם אינטערעסאנט צו וויסן, אזוי ווי לויערס שרייבן געווענליך. נאר דאס איז דער תירוץ ווייל ער האט געוואוסט אז ער שרייבט ליגענט אין כדי נישט צו זיין אחראי אויף וואס ער שרייבט האט ער דאס באצייכענט אלטץ קאנפידענשאל.

נאך א זאך וויל איך צולייגן דא. עס איז ידוע פאר יעדעם מיין געטריישאפט אין מסירות נפש פאר כ״ק מרן רבינו שליט״א די לעצטע דרייסיג יאר, איך האב מיך ממש מוסר נפש געווען בגוף ובממון פאר דעם רבין׳ שליט״א מיט זיינע הייליגע מוסדות, זיך איינשטעלענדיג אין סכנה אומצאליגע מאל לטובת רבינו שליט״א מיט זיינע מוסדות, און במשך די צייט איז געווען זייער אסאך מאל וואס די קהלה און די מוסדות זענען געווארן פארוויקעלט מיט ערענסטע לעגאלע פראבלעמען וואס זענען געווען געצילט צו רבינו שליט״א זעלבסט, און יעדעם מאל האב איך אלעס גענומען אויף מיר און זיך מפקיר געווען לטובת רבינו שליט״א, כדי דער רבי זאל נישט געשטערט ווערן פון זיין עבודת הקודש און קענען דינען דעם באשעפער מיט הרחבת הדעת דקדושה, אומצאליגע מאל האב איך איהם גורם געווען א קורת רוח אזוי ווי ער האט זיך דאס אויסגעדריקט ברבים מער ווי איין מאל, אין די זאכן זענען ידוע ומפורסם לרבים. איז ווי קען מען יעצט גיין מיך חושד זיין אין אזא זאך אז איך זאל גיין מסר׳ן דעם רבי׳ן שליט״א, איך בין דאך געווען דער וואס ווען דער רבי שליט״א איז געווארן אריינגעדרייט דורך אנדערע, האב איך איהם ארויסגעדרייט

בחסדי השי"ת, זאל איך גאר זיין דער וואס טוט אזא זאך? לייגט זיך דען דאס אויפ'ן שכל?

אויך איז כדאי צו דערמאנען דאס וואס יעדער ווייסט, אז דער רבי שליט"א וואס איז דאך באקאנט אלטס דער עמוד החסד בדורינו מיט זיינע אומבאשרייבליכע סכומים וואס ער טיילט פאר צדקה, פאר איעדעם מר נפש ולב נשבר, פלעגט דורך מיר בארגען ריזיגע סכומים און גרויסע געלטער, די געלטער פלעג איך פארשאפן אויף פארשידענע אופנים בידיעתו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א. א חלק איז געווען הלוואות וואס איך האב גענומען פון מענטשען וואס איך בין אחראי דערויף, די מענטשען האלטען מיך פאראנטווארטליך דערפאר ווייל זיי האבן דאס געבארגט דאס געלט פאר מיר און נישט אויף די אחריות פון דעם רבי'ן און די מוסדות. צווישן די מענטשען זענען דא אזעלכע וואס עס איז נישט באטעמ'ט צו האבן צו טון מיט זיי. א חלק פון די געלטער איז געווארן פארשאפט אויף אנדערע היימישע וועגן וד"ל. א ריזיגע חלק פון די געלטער איז נאך קיינמאל נישט געווארן באצאלט, די מענטשען די מלווים קומען צו מיר פאדערן זייער געלט, און די קהלה האלט נישט ביים באצאלן גארנישט, זיי ווילן זיך ארויסדרייען פון זייער הוב.

כדי זיך ארויסצודרייען פון די חובות, האבן עטליכע פון די קהלה לייט געדינגען א גרויסען אדוואקאט צוצוגרייטן א קרימינאלע קלאגע אקעגען מיר אויף די אופנים וויאזוי די געלט איז אנגעקומען צום רבי'ן שליט"א במשך די אלע יארן, פארשטייט זיך אז די קלאגע איז אויטאמאטיש געצילט אויך אקעגען רבינו שליט"א, אבער בעיקר אקעגען מיר. די קלאגע איז נישט א קלאגע אויף עפעס א דיע"ד טרענספער נאר אויף זאכן וואס מען קען זיצן אין חד גדיא שיינע יאר'ן אויף אלע שונאי ישראל געזאגט. דאס איז דער שכר און באלוינונג פאר די מסירת נפש און געטריישאפט וואס איך האב געהאט צום רבי'ן די אלע יארן.
און די מענטשען האבן נאך אין זיך די חוצפה אין עזות ארויפצולייגען אויף מיר א בלבול אז איך בין דער מסור, נישט אומזיסט זאגן די חז"ל כל הפוסל במומו פוסל.

דאס אלעם איז כטפה מן הים פון דעם וואס עס איז דא צו זאגן און אויפקלערן אויף דעם בלבול, נאר פארשטייט זיך נישט אלעם קען מען רעדן ברבים כמובן, אבער אויף אזויפיל איז דאס צו פארשטיין אז יותר ממה שקריתי לפניכם כתוב כאן, און פאר איר גייט דן זיין דיני נפשות, טראכט אריין צו זענט איר טאקע אמת'דיג באקאנט מיט די פאקטן אדער נישט.

זאל דער אייבערשטער העלפן עס זאל שוין מקויים ווערן ביי אונז דער פסוק ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ, והעושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו, אין דער רבי שליט"א זאל אונז פירן אקעגען משיח צדקינו בבריות גופא ונהורא מעליא בב"א.

יום ד' לסדר נשא ב' י"א סיון תשס"ו.

ישראל בנימין לאווען